# אָפּיאויד זיכערהייט

NYC Health

## איבערבליק

**אָפּיאוידס:**

- רעכענען איין פּרעסקריפּשאָן פעינקילערס און העראָאין
- קען גורם זיין דעם מענטש'ס אטעם זיך צו פארלאנגזאמען און אפילו אויפהערן, וואס איז באקאנט אלס אן איבערדאזע

**Naloxone:**

- איז אַ זיכערער מעדיצין וואָס קען צוריקדרייען אַן אָפּיאויד איבערדאָזע
- האָט נישט קיין ווירקונג אויף אַלקאָהאָל אָדער אַנדערע דראָגס
- נעמט **צוויי ביז פינף** מינוט אנצוהויבן צו ארבעטן און אירע ווירקונגען האלטן אן **30 ביז 90** מינוט.
- קען פאַרלאַנגען מער ווי איין דאָזע
- קען צוברענגען צוריקציאונג-סימפּטאָמען (צ.ב.ש. טרייסלונגען, איבלונג, ברעכן, אומרואיגקייט, מוסקל ווייטאָגן) ביז די naloxone וועפּט אויס

| ביישפּילן פון פּרעסקריפּשאָן פעינקילערס | |
|---|---|
| **דזשענעריק** | **ברענד נעים** |
| Hydrocodone | Vicodin®, Lorcet®, Lortab®, Norco®, Zohydro® |
| Oxycodone | Percocet®, OxyContin®, Roxicodone®, Percodan® |
| Morphine | MS Contin®, Kadian®, Embeda®, Avinza® |
| Codeine | Tylenol® with Codeine (Tylenol® #3, Tylenol® #4) |
| Fentanyl | Duragesic® |
| Hydromorphone | Dilaudid® |
| Oxymorphone | Opana® |
| Meperidine | Demerol® |
| Methadone | Dolophine®, Methadose® |
| Buprenorphine | Suboxone®, Subutex®, Zubsolv®, Bunavail®, Butrans® |
| *העראָאין איז אויך אַן אָפּיאויד* | |
| ***אַלע <u>אָפּיאוידס</u> שטעלן מענטשן אין געפאַר פון אַן איבערדאָזע.*** | |

## פאַרמיידט אָפּיאויד איבערדאָזע

- זייט פאָרזיכטיג אויב איר שטעלט אָפּ אָדער פאַרפאַסט אַ דאָזע. דאס קען נידערן אייער טאלעראנץ, דאס מיינט וויפיל פון א מעדיצין אייער קערפּער קען פארנעמען.
- פאַרמיידט אויסצומישן אָפּיאוידס מיט אַנדערע מעדיצינען אָדער דראָגס, ספּעציעל benzodiazepines צ.ב.ש. (Xanax®, Valium®), אַלקאָהאָל אָדער קאָקעין.
- פאַרמיידט פון נעמען אָפּיאוידס ווען איר זענט אַליין. עס איז וויכטיג צו האבן איינעם נעבן זיך אויב עס איז דא אן עמערדזשענסי.
- זייט פארזיכטיג אויב איר נעמט מער אפּיאוידס ווי געווענליך. איר קענט קיינמאָל נישט וויסן וויאַזוי אייער קערפּער וועט רעאַגירן.

**וויכטיג: לאָזט אַנדערע וויסן <u>וואו</u> אייער naloxone ליגט און <u>וויאזוי</u> עס צו נוצן.**

## הילפסמיטלען

ווערט געוואר וועגן **לאקאלע פראגראמען** וואס שטעלן צו טרענירונג און naloxone **פריי פון אפצאל** : באזוכט health.ny.gov/overdose

ווערט געוואר וועגן **באהאנדלונג אויסוואלן**: רופט די OASAS HOPEline אויף 877-8-HOPENY (877-846-7369), טעקסט HOPENY צו 467369 אדער באזוכט oasas.ny.gov/accesshelp

ווערט געוואר וועגן **איבערדאזע פארמיידונג**: זוכט "Prevent Overdose" (פארמיידט איבערדאזע) ביי nyc.gov/health

# וויאַזוי צו נוצן Naloxone

## איבערדאָזע רעאַקציע שריט

**1. רופט 911**

פאלגט אויס דעם דיספעטשער'ס אנווייזונגען.

**2. גיט naloxone אויב איר האט עס**

אויב עס איז נישטאָ קיין רעאקציע אין **דריי** מינוט, גיבט א צווייטע דאָזע. בלייבט מיטן מענטש. אויב יענער וועקט זיך אויף, אנטמוטיגט זיי פון נעמען מער אפיאוידס.

**אויב איר ווייסט נישט וואס דער מענטש האט גענומען, זאלט איר יענעם נאך אלס געבן naloxone.**

**3. אויב דער מענטש אָטעמט נישט, טוט אָטעמען-רעטונג אָדער CPR, אויב איר ווייסט וויאַזוי**

**4. אויב יענער רעאגירט נאך אלס נישט, לייגט דעם מענטש אויפן זייט צו פארמיידן פון זיך דערשטיקן.**

בלייבט מיטן מענטש ביז הילף קומט אָן.

***באַמערקונג:** די ניו יאָרק סטייט 911 גוד-סאַמעריטען געזעץ שטעלט צו באַדייטנדע באַשיצונג פאַר יעדן וואָס רופט 911 צו ראַטעווען אַ לעבן, אפילו אויב מען טרעפט דאָרט דראָגס.*

### מולטי-שריט אינטראנעזיעל Naloxone

1 נעמט אַראָפּ די געלע קעפלעך



2 שרויפט אַרויף דעם ווייס קאָן



3 נעמט אַראָפּ דעם פורפל קעפל פונעם naloxone פלעשל



4 שרויפט איידל אַריין דאָס naloxone פלעשל אינעם פעסל פונעם סירינדזש



5 בייגט דעם קאָפּ אויף צוריק; לייגט אַריין דעם ווייסן קאָן אינעם נאָזלאָך; **גיט אַ קורצן, שטאַרקן שטופּ** אויף דער ענדע פונעם פלעשל כדי אַריינצושפריצן naloxone אינעם נאָז:

אַ האַלבן פלעשל אין יעדן נאָזלאָך




6 אויב איז נישטאָ קיין רעאַקציע אין דריי מינוט, גיט אַ צווייטע דאָזע

### איינצלנע שריט אינטראנעזיעל Naloxone

דער נאָז שפריץ דארף נישט ווערן צוזאַמגעשטעלט און קען ווערן אריינגעשפריצט אין איין נאזלאָך דורך שטופּן דעם פלאנדזשער.




**פרובירט נישט אויס דעם געצייג – יעדע געצייג קען נאר ווערן גענוצט איין מאל.**

### מולטי-שריט אינטראמוסקיולער Naloxone

1 נעמט אַראָפּ די דעקלעך פונעם naloxone פלעשל און נאָדל



2 לייגט אריין דעם נידל דורך גומענעם שטאפער מיט פלעשל איבערגעדרייט; שלעפט צוריק אויפן פלאנדזשער, אריינעמענדיג דעם גאנצן אינהאלט



3 שפריצט אריין דאָס גאַנצע פלעשל אינעם אויבערשטן אָרעם אָדער דיכט–מוסקל

4 אויב איז נישטאָ קיין רעאַקציע אין דריי מינוט, גיט אַ צווייטע דאָזע

### אויטאָמאַטישער-איינשפריצער Naloxone

די naloxone אויטאָמאַטישער-איינשפריצער האָט רעדנדיגע אָנווייזונגען וויאזוי איינצושפריצן naloxone אינעם אויבערשטן דיכט, דורך קליידונג, אויב נויטיג. עס איז אויך דאָ אַ טרענירונג-געצייג בייגעלייגט מיט יעדן פעקל, כדי דאָס צו קענען פראַקטיצירן.

### סימנים פון איבערדאָזע

- מענטש רעאגירט נישט *פרובירט אויפצוואַקן דעם מענטש דורך קרעפטיג רייבן מיט אייער פינגער-קנעכלעך אַרויף און אַראָפּ דעם פאָרנט פון זיין אָדער איר ריפּ-ביין.*
- אָטעם פארלאַנגזאַמט זיך אָדער שטעלט זיך אָפּ
- ליפּן און/אָדער פינגער-נעגל ווערן בלוי, בלאַס אָדער גרוי

### אָטעמען רעטונג

- בייגט דעם מענטש'ס קאָפּ אויף צוריק
- פאַרמאַכט זיין אדער איר נאָז
- גיבט אריין צוויי שנעלע אטעמס אינעם מויל
- גייט ווייטער מיט **איין** אָטעם יעדע **פינף** סעקונדעס ביז דער מענטש הויבט אָן אָטעמען

### ווען צו נעמען אַ ריפיל

- איין אָדער מער דאזעס ווערן גענוצט
- Naloxone ווערט פאַרלוירן אָדער געשעדיגט
- Naloxone לויפט אָפּ אָדער דערנענטערט זיך צום אָפּלויף-דאַטום

*ביים פארלאַנגען אַ ריפיל, זאָגט פאַר אייער אַפּטייקער אויב די Naloxone איז גענוצט געוואָרן. האַלט Naloxone אין שטוב-טעמפעראַטור, אַוועק פון דירעקטע ליכטיגקייט.*